אליס וועקסלער

# אנארכיסטישער צוזאמענפאר אין ווענעציע

## 2

אין די וויטערדיקע דיסקוסיעס מכוח דער שייכות צווישן פסיכא־אנאליז און אנארכיזם האט זיך אויך באטייליקט אן ארגענטינער פסיכא־אנאליטיקער מאריא מאראנע, וואס וווינט איצטער אין לאנדאן. ער האט קריטיקירט די פסיכא־אנאליטישע פראפעסיע, וואס איז בדרך־כלל געווארן א טעראפיע, א היילמעטאד פאר די רייכע. דערביי האט ער אבער אונטערגעשטראכן דעם ווערט פון פסיכא־אנאליז ווי א טעאריע, וואס קאן אונדז העלפן צו פארשטיין ווי אזוי די געזעלשאפט ווירקט אויפן אונטערבאוווסטזיין פונעם יחיד און אויף זיין סאציאלן אויפפיר. ער האט געטענהט, אז די אנארכיסטן מוזן אויסנוצן דעם רעוואלוציאנערישן עלעמענט אין פסיכא־אנאליז און דעם פאטענציאל פאר א סאציאלן ליבערטארישן בייט. צום סוף האט מאריא מאראנע באזונדערס אונטערגעשטראכן די וויכטיקייט פון קליינע גרופעס, לויטן אנארכיסטישן מוסטער, פאר שאפן די נייטיקע נאענטקייט צווישן דעם יחיד און דער געזעלשאפט. און ער האט אויסגעפירט: „אין א צייט ווען די מאסן ווערן וואס א מאל מער שאבלאניזירט, איז גאר וויכטיק צוריק ארויסצוהייבן די אידענטישקייט פונעם יחיד. און דאס טאקע קאן געשען נאר אין די קלענערע גרופעס, וואס דערלאזן ניט, אז דער איינצלנער זאל ליידן פון סאציאלער אפגעפרעמדקייט“.

מאריא מאראנע האט אויך דערציילט וועגן דעם גורל פון די פארשיידענע אנארכיסטישע קאמונעס, וואס ער האט געגרינדעט, לויטן מוסטער פון דער באוווסטער „קאמונידאד דעל סור“ (די קאמונע פון דרום) אין מאנטעווידעא, צו ערשט אין בוענאס־איירעס בעת זיינע סטודענטישע יארן און דערנאך אין לאנדאן. און ער האט אויפגעקלערט פאר וואס די דאזיקע אנארכיסטישע קאמונעס זענען ניט אלע מאל געווען דערפאלגרייך.

דעם זעלביקן אוונט האב איך אין א קאוויארניע אויף קאמפא סאנטא מארגאריטא, וואס איז געווען דער הויפט־פלאץ פונעם אנארכיסטישן צוזאמענפאר אין ווענעציע, באגעגנט א געוועזענעם מיטגליד פון דער דערמאנטער אנארכיסטישער קאמונע אין אורוגוואיס הויפטשטאט. זיין נאמען איז רובען פריעטא; ער איז א מאן אין די פופציקער יארן. ער האט מיר דערציילט וועגן דער אנארכיסטישער השפעה אויף די סטודענטן און ארבעטערס אין אורוגוואי. ער האט מיר אויפגעקלערט פאר וואס די אנארכיסטישע קאמונע אין יענעם לאנד איז געווען א שטאטישע, ניט קיין דארפישע. אכציק פראצענט פון דער באפעלקערונג אין אורוגוואי וווינען אין די שטעט פון יענעם לאנד. אין דער הויפטשטאט, אין מאנטעווידעא גופא, לעבט א העלפט פון דער גאנצער אורוגוואישער באפעלקערונג. „מיר זענען ניט אנטלאפן פון דער שטאט“ — האט רובען פריעטא געזאגט: — „מיר האבן אנגעהויבן אין דער שטאט און מיר זענען דארט פארבליבן. מיר האבן דערמיט געצילט אפצושאפן די מחיצה צווישן דארף און שטאט“.

סילוויא ריביערא, א סימפאטישע פרוי מיט א שמייכלדיק פנים און אן ענערגישן אנבליק, וואס איז אויך געווען א מיטגליד אין דער אנארכיסטישער קאמונע אין מאנטעווידעא, האט מיר דערציילט, אז שוין אין אירע יונגע יארן איז זי צוגעצויגן געווארן צו די אידעאלן פון אן אנארכיסטישן צוזאמענלעבן אין באזונדערע קאמונעס. האט זי פארלאזט אירע עלטערנס באקוועמע היים און זיך אנגעשלאסן אין דער „קאמונידאד דעל סור“. אין די מיטעלע נייצן־זיבעציקער יארן, ווען אין אורוגוואי איז פארשטארקט געווארן די פאליטישע אונטערדריקונג און א סך אנארכיסטן זענען דארט געווארן ארעסטירט, האבן עטלעכע מיטגלידער פון יענער קאמונע פארלאזט מאנטעווידעא און זיך באזעצט אין שטאקהאלם. דארטן האבן זיי געגרינדעט א שפאניש־שפראכיקן פארלאג, וואס גיט ארויס אנארכיסטישע ליטעראטור. און הגם זיי זענען איצטער בלויז פופצן מיטגלידער, לעבן זיי ווייטער אין הסכם מיט די אנארכיסטישע פרינציפן סיי אין דער אייגענער גרופע און סיי אין שייכות מיט דער ארומיקער שוועדישער סאציאלער סביבה.

די שייכות און די סתירות צווישן דער אנארכיסטישער טעאריע און פראקטיק איז געווען באזונדערס בולט בעת די דיסקוסיעס וועגן פעמיניזם. בעת איינער אזא דעבאטע אין אן איבערגעפאקטן זאל, האט ד״ר מארשא היואיט, א פראפעסארין אינעם אוניווערסיטעט אין מאנטרעאל, איבערגעגעבן, אז די היינטיקע פעמיניסטישע באוועגונג פארמאגט אנארכיסטישע טענדענצן אין א צאל לענדער. זי האט פארטיידיקט דעם שטאנדפונקט פון גלייכבארעכטיקונג פאר פרויען, אבער ניט פון אפגעזונדערטקייט. א צווייטע רעדנערין אין דער זעלביקער דעבאטע, בארבארא קאסטער, אן אנארכיסטקע פון דייטשלאנד, האט געגעבן א קורצן אינטערעסאנטן איבערבליק וועגן די פרויען אין די אייראפעאישע רעוואלוציאנערישע באוועגונגען און זי האט אנגעוויזן אויף דעם הויכן פרייז, וואס די דאזיקע פרויען האבן געמוזט באצאלן אין איינזאמקייט און אין עלנטקייט, וואס איז געווען א סך העכער ווי דער פרייז, וואס די רעוואלוציאנערישע מענער האבן געמוזט באצאלן פאר זייער רעבעלישקייט. ווי א מוסטער פון אן אנארכיסטקע, וואס האט געמוזט באצאלן אזא הויכן פרייז פאר אירע אידעען, האט בארבארא קאסטער אנגעוויזן אויף עמא גאלדמאן, וואס האט כסדר זיך געמוזט ראנגלען כדי גובר צו זיין די סאציאלע סתירות

צווישן דעם לעבן פון אַ פרוי אין דער איצטיקער געזעלשאַפט און די פאָדערונגען פון אַן אַנאַרכיסטישער וואָרטזאָגערין.

אַ דריטע דעבאַטאַנטקע איז געווען אַריאַן גראַנסאַק, אַ פראַנצויזישע אַקטיווע אַנאַרכיסטקע פון פאַריז. זי האָט ניט, ווי אַ צאָל אַנדערע דיסקוטירערס, קריטיקירט דעם אַנאַרכיזם פונעם פעמיניסטישן שטאַנדפונקט; זי האָט קריטיקירט דעם פראַנצויזישן פעמיניזם פון אַן אַנאַרכיסטישן קוקווינקל. זי האָט אָנגעוויזן, אַז דער פראַנצויזישער פעמיניזם קעמפט פאַר גלייכבאַרעכטיקונג פאַר פרויען אין אַ געזעלשאַפט, וואָס איז געבויט אויף אומגלייכהייט.

אַ פערטע דעבאַטירערין איז געווען די איטאַליענישע אַנאַרכיסטקע מיליטאַנטקע ראָסאַנאַ אַמבראָדזשעטי. זי האָט אָנגעוויזן, אַז דער פעמיניזם אין איטאַליע האָט געהאַט אַ בולטע און פאָזיטיווע ווירקונג אויף די אינערלעכע משפחה־באַציאונגען און אויף די באַציאונגען צווישן די חברים און חברטעס אין דער איטאַליענישער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג. אויך זי האָט אונטערגעשטראָכן די וויכטיקייט פונעם בייט לטובת די באַציאונגען צווישן די מענער און פרויען אין דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג. ווי אַ באַשפיל פון דעם דאָזיקן בייט לטובת פרויען, האָט אויך זי אָנגעוויזן אויף דעם לעבן פון עמאַ גאָלדמאַן, וואָס האָט געמוזט אויסקלייבן צווישן זיין אַן אַנאַרכיסטישע קעמפערין און אַ מאַמע פון קינדער. „היינט, אין 1984” — האָט ראָסאַנאַ אַמבראָדזשעטי געזאָגט: — „זענען מיר ניט געצווונגען זיך צו ראַנגלען מיט דער דאָזיקער שווערער ברירה פאַר די פון אונדז, וואָס ווילן האָבן קינדער. מיר מוזן אָבער האָבן די קאָאָפעראַציע, די קעגנזייטיקע הילף, צווישן די מענער און פרויען אין אונדזער באַוועגונג. פעלט טייל מאָל אויס אין אונדזערע אייגענע רייען ווען ס׳קומט צו דער בשותפותדיקער אַחריות בנוגע קינדער. וואָרן ניט אַלע אַנאַרכיסטן זענען שוין אין גאַנצן פריי פון די פאַטריאַרכאַלע ווערטן אין דער היינטיקער געזעלשאַפט. אַפילו אין אונדזער אייגענער באַוועגונג שפילן אָפט מאָל די פרויען נאָך אַלץ אַן אונטערטעניקע ראָלע. מיר מוזן צו ערשט בייטן זיך אַליין איידער מיר בייטן אַנדערע און ענדערן די געזעלשאַפט”.

אין די דיסקוסיעס נאָך די הויפטרעדעס בעת דער דעבאַטע וועגן פעמיניזם, האָט אַ צווייטער אַרגענטינישער פסיכאָ־אַנאַליטיקער, עדואַרדאָ קאָלומבאָ, וואָס וווינט היינט אין פאַריז, מסכים געווען, אַז די מאַנספערשויניש דאָמינירערישע פסיכאָלאָגיע האָט געהאַט אַ געוויסע השפעה אויף טייל אַנאַרכיסטן. אָבער די פרויען אין דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג האָבן געקעמפט קעגן דעם זינט דעם אויפקום פונעם אַנאַרכיזם אינעם 19טן יאָרהונדערט. אַן אַרגענטינישע אַנאַרכיסטישע פעמיניסטישע צייטשריפט, וואָס איז דערשינען אין בוענאָס איירעס אַזוי פרי ווי אין די אַכצן־ניינציקער יאָרן, „לאַ וואָז דע לאַ מוכער” (די שטים פון דער פרוי) האָט דעמאָלט שוין געהאַט אַ טענה צו די מאַנספערשוינען, וואָס זענען אַנאַרכיסטן אין דער גאַס אָבער אויטאָריטאַריערס אין דער היים. „די דאָזיקע פונדאַמענטאַלע סתירה” — האָט עדואַרדאָ קאָלומבאָ אויסגעפירט — „עקזיסטירט נאָך אָפט מאָל ביזן היינטיקן טאָג אין אונדזערע אייגענע רייען און זי מוז דעריבער באַקעמפט ווערן”.

מאַרעי בוקטשין, דער אַמעריקאַנישער אַנאַרכיסטישער עקאָלאָג, דער קעמפער קעגן דער פאַראומרייניקונג, וואָס דער אינדוסטריעלער אָפפאַל איז גורם אין אונדזער נאַטירלעכער סביבה, האָט אויך מסכים געווען מיט דעם דאָזיקן פעמיניסטישן אַנאַליז. אָבער ער האָט צוגעגעבן, אַז דער פעמיניזם איז אויך אַן אַרויסרוף פאַר איטלעכן אַנאַרכיסט צו פאַרטראַכטן זיך וועגן אונדזער שייכות צו דער עקאָלאָגישער סביבה, וואָס אין איר, ווילן מיר אויפברענגען נייע דורות. און ער האָט צוגעגעבן, אַז די דאגה וועגן דער פאַרפעסטיקטער נאַטור איז ניט בלויז אַן אַרבעטערישער ענין. אויך אַנדערע קלאַסן אין דער געזעלשאַפט זאָרגן זיך וועגן דער פאַרסאַמונג פון דער לופט און ערד און פון דעם וואַסער, וועמענס ריינקייט איז אַן אומבאַדינגטע נויטווענדיקייט פאַר אונדזער נאָרמאַלן קיום. דערביי האָט ער אויך אָנגעוויזן, אַז ער האַלט ניט צו שטאַרק פונעם קלאַסנקאַמף. וואָרן דער דאָזיקער קאַמף האָט תמיד זי פאַרענדיקט מיט אַ נייער קלאַסן־געזעלשאַפט. דער היינטיקער רעזולטאַט פון קלאַסנקאַמף, די פראָלעטאַרישע דיקטאַטור אין סאָוועט־רוסלאַנד, איז אויך פאַרבליבן די ערגסטע אונטערדריקערישע רעגירונג אין דער וועלט.

אויך אַ צאָל אַנדערע רעדנערס און רעדנערינס האָבן אָנגעוויזן אויף די סתירהדיקע מאַנספערשוינישע אויפפירונגען אין דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג און זיי האָבן קריטיקירט ניט בלויז דעם דאָזיקן אויפפיר, נאָר אויך די פרויען גופא, וואָס האָבן זיך נאָך ניט באַפרייט פון זייערע אייגענע מינדערווערטיקייט־געפילן, פון זייערע אייגענע עיכובים, און נאָכגיביקייט מסכים צו זיין צו פאַרבלייבן אויף זייערע פאָזיציעס פון אינפעריאָריטעט.

בעת די סעסיעס וועגן פסיכאָ־אַנאַליז און פעמיניזם האָבן געלייגט דעם טראָפ פונעם אַנאַרכיזם אויף די סוביעקטיווע בייטן מצד די יחידים, האָבן די סעסיעס וועגן דעם קעמפערישן פראָלעטאַריאַט זיך קאָנצענטרירט בעיקר אויף די ליבערטאַרישע טענדענצן אין אַזעלכע רעבעלישע באַוועגונגען, ווי למשל, „סאָלידאַרנאָשטש” אין פוילן, דעם שאַכטיאָרן־פאַראיין אין באָליוויע, די אַרבעטערישע באַוועגונגען אין איטאַליע און אין שוועדן, ווי אויך אויף די עקספערימענטן אין עקאָנאָמישער דעמאָקראַטיע אין די פאַבריקן און וואַרשטאַטן און אין די אַרבעטערישע פראָדוציר־קאָאָפעראַטיוון אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

מאַרטין נילסאָן, דער שוועדישער וואָרטזאָגערישער אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסט, האָט איבערגעגעבן, אַז די ליבערטאַרישע סינדיקאַליסטישע באַוועגונג אין שוועדן עקזיסטירט שוין זינט דעם אָנהייב פונעם היינטיקן יאָרהונדערט. דאָס איז די „סווע־

ריגעס אַרבעטאַרעס סענטראַל", וואָס איז בעסער באַקאַנט מיט די ראשי־תיבות „סאַק". ס'איז אָבער אין שוועדן ניט געווען קיין גרויסע באַזונדערע אַנאַרכיסטישע באַוועגונג. די מערסטע שוועדישע אַנאַרכיסטן זענען אַקטיוו ניט בלויז אין „סאַק", נאָר אויך אין די אַלגעמיינע באַוועגונגען קעגן מלחמה, קעגן נוקלאַרע וואָפן, ווי אויך אין דער פרויען־באַוועגונג און אין דער עקאָלאָגישער באַוועגונג פאַר דער ריינקייט אין דער נאַטור.ביים היינטיקן טאָג ציילט „סאַק" זעכצן טויזנט מיטגלידער אין 164 באַזונדערע אומאָפּהענגיקע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען איבער גאַנץ שוועדן.

טייל רעדנערס האָבן געהאַלטן, אַז די סכנה פאַרן אַנאַרכיזם און פאַר די אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען ליגט אין די רעפאָרמיסטישע טענדענצן פון די ליבעראַלע רעגירונגען אין יענע לענדער, וווּ די מלוכהשע רעפאָרמען לטובת די אַרבעטערס נייטראַליזירן די קאַמפּפעדישקייט פונעם פּראָלעטאַריאַט. פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ סאָרט סכנה איז ניט פאַראַן אין אַזאַ לאַנד ווי, למשל, באָליוויע, וווּ די שאַכטיאָרן אין די צינגרובנס האָבן מיט אַ צייט צוריק אָקופּירט די הויפּטקוואַרטיר פון דער „קאָרפּאָראַסיאָן מינעראַ באָליוויאַנאַ", וואָס געהערט צו דער מלוכה זינט אַלע צינגרובנס זענען געוואָרן נאַציאָנאַליזירט אין 1952. בעת דער דאָזיקער אַרבעטאָרערישער אָקופּאַציע האָבן די באָליוויאַנישע צינגרעבערס באַוויזן, אַז זיי קאָנען אָנפירן מיט די צינגרובנס אַ סך בעסער ווי די באַלעבאַטים און ווי די מלוכה. און דער פראַנצויזישער אַנאַרכיסטישער סאָציאָלאָג איוואָן לע באַ האָט טאַקע אונטערגעשטראָכן, אַז די באָליוויאַנישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען האָט מיט זייערע אַנטי־מלוכהשע מעשים קלאָר באַוויזן ווי אַזוי די אַרבעטערס קאָנען דורך זייערע ליבערטאַרישע אָרגאַניזאַציעס זיך באַפרייען פון דער מלכות־דיקער אַפּוטראָפּסות. אָבער אין די אַנדערע לאַטיין־אַמעריקאַנישע לענדער האָט, ליידער, דער מאַרקסיזם נאָך אַלץ אַ גרויסע השפעה אויף די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. און דער פראַנצויזישער סאָציאָלאָג האָט צום סוף געפרעגט: „צי איז דאָס מעגלעך, אַז באָליוויע איז פאַרבליבן איצטער דאָס איינציקע לאַטיין־אַמעריקאַנישע לאַנד, וווּ די אַרבעטערס געפינען זיך אונטער דער אַנאַרכיסטישער השפעה".

אין דעם דריטן און לעצטן המשך פון מיין באַריכט וועגן דעם אַנאַרכיסטישן צוזאַמענפאָר אין ווענעציע וועל איך איבערגעבן וועגן די אונטערנעמונגען און דיסקוסיעס און פאַסירונגען אינעם לעצטן טאָג פון דער דאָזיקער אייגנאַרטיקער וועלט־קאָנפערענץ, וואָס פאַר מיר איז דאָס געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס כ'האָב בייגעוווינט אַזאַ סאָרט צוזאַמענקום, וואָס איך האַלט, אַז ער איז געווען דער איינציקער פון זיין מין.

יצחק גאָלדקאָרן

# דער נייער מוזיקער

איינער, אַ מייסטער פון אָנשטעל און טריק,
האָט „רעוואָלוציאָנירט" די מוזיק;
און ס'האָט נישט געדויערט זייער לאַנג —
ר'איז דער מייסטער פון שפּילן און געזאַנג.
האָט ער אָנגעהויבן צו דערלאַנגען
הוילע, אומאַרטיקולאַרע קלאַנגען;
איז דאָס נעבעך געווען אַ געקריץ און גערילץ,
ווי דאָס קראַצן פון בלעך אויף אומגעזעגט געהילץ.

און ער האָט נאָך באַגרינדעט זיין דרך:
„מיין מוזיק איז העכער אָן אַן ערך
פון אַלטן ,קיטש' ס'איז איצט אַ נייע צייט;
ווערטער טאָרן נישט האָבן קיין באַטייט,
און די נייע קונסט, ווי אַ קינדער שפּיל,
דאַרף נישט האָבן קיין זינען, קיין ציל.
די נייע מוזיק דאַרף קיינער נישט פאַרשטיין,
סיירן די 'עזאָטערישע' יודעי־ה"ן.

„ס'איז משוגע דיין קונסט, הויל דיין טעאָריע",
האָט געזאָגט איינער פון דער אוידיטאָריע.
„ווי קומט דאָ 'עזאָטעריש' און יודעי ח"ן,
אַז ס'האָט נישט קיין זינען און ס'האָט נישט קיין מיין?
גלויבסטו טאַקע, אַז מוזיק־נאָטן
זענען געשאַפן פאַר האָטענטאָטן
און געזאַנג־טענער
פאַר די בושמענער?
ווערטער און קלאַנגען אָן אַ זינען, אָן אַ ריטעם
האָבן אַזאַ ווערט, ווי אַן אתרוג אָן אַ פּיטום;
אַ קאַקאָפאָניע פון גרילצנדיקע טענער —
דאָס איז די מוזיק פון קעץ, אַ קאָנצערט פון הענער".

---

מיר באַגריסן אונדזערע מיטאַרבעטערין, די פיינע דיכטערין רבקה קאָפּע פון פּאַריז, צו איר באַקומען דעם פּריז פון פּאַריזער פאַראיין פון יידישע שרייבער און זשורנאַליסטן.

די רעדאַקציע „פּראָבלעמען"

---